# אַ מאָל איז געווען אַ מעשה

I

אַ מאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָר נישט פֿריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנ´עט
מיט אַ יודישען מלך.

ליולינקע, מיין פֿייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד.
כ´האָב אָנגעוואוירן אַזאַ ליבע,
ווי איז מיר און ווינד!

II

אַ מאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט געהאַט אַ ווייננגארטען,
ליולינקע, מיין קינד.

ליולינקע, מיין פֿייגעלע, א.אַ.וו.

III

אין ווייננגארטען איז געווען אַ בוימעלע,
דאָס בוימעלע האָט געהאַט אַ צווייגעלע,
אויף´ן צווייגעלע איז געווען אַ נעסטעלע,
אין נעסטעלע האָט געלעבט אַ פֿייגעלע.

ליולינקע, מיין פֿייגעלע, א.אַ.וו.

IV

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבען,
די מלכּה איז געוואָרען פֿאַרדאָרבען,
דאָס צווייגעלע איז אָפּגעבראָכען,
דאָס פֿייגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿען.

ליולינקע, מיין פֿייגעלע, א.אַ.וו.

V

וואו נעמט מען אַזאַ לייטער,
לאַנג פֿון טויזענט איילע?
וואו נעמט מען אַזאַ חכם.
ער זאָל קענען די שטערען ציילען!

ליולינקע, מיין פֿייגעלע, א.אַ.וו.

VI

וואו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען מיינע וואונדען ציילען,
וואו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר,
ער זאָל קענען מיין האַרץ היילען?

ליולינקע, מיין פֿייגעלע, א.אַ.וו.